STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04332

SHTOT-KOSHMARN

Avraham Zak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם זאַק

שטאט=קאשמארן

לידער

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

װאַרשע 1926

MADE IN POLAND

SZTOT-KOSZMAREN
— wiersze —
ABRAHAMA ZAKA
WYD. CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

אונטער שטאָטישע שלייערן

שטאָט-קאָשמאַר

I

דעם לעצטן טראָפּ בלוטען-זאַפט פון האַרץ —
ווער האָט עס אויסגעזויגן?
דאָס לעצטע שטיקל וואַלד פון טרוים
ווי איז עס מיר פאַרפלויגן?
ווער האָט די תמימותדיקע בלויקייט פרעך
מיר אויסגעגרויט פון ד׳אויגן? — —

אַ קינד פון שטאָט! —
שוועבסט אויף נאָסן און אויף נעפּלדיק.
בעטלער שטייען אויף די ראַנעס.
שוואַרצע קנייטשן. לאַנגע ברעמען.
אויסגעשטרעקטע דאַרע הענט.
ליגן קריפּלס אויף די שטיינער.
טוליען זיך צו גרויע ווענט.
פּויזשען ווערעמדיק אין מיסט!
אפשר ליגט נאָך ווי אַ בײַנדל
נישט דערגאַנט און נישט דערגרייזשעט
ביי אַ רייכן פעטן טיש?...

... ציִען מחנות אויף בולוואַרן...
גאַנצע פּלאַטערן אין רוים... —

צי מען קריגט א יונגן קעניג?
צי מען װארפט אראפ א יאך?...
מחנות, מחנות, גרויע מחנות...

— — — — — — — —

... ליגן נאסן, לאנגע
הײזער פײנקסן קוקן שטום
מיט פירקאנטיק-קברים-אויגן
דורך שפאקולן-גלאז...
קוקן, קוקן און זײ שװײגן
און פארנעמען שטום די גאס:
שלינגנען זיפצן פון א זקן
און — א פידל-לאך א יונגן...
קולות גראבע פון שבורים
און — א שטילן ניבע-סוד...
ציטונג-יונגלעכם — „מארדן!” „מארדן!”,
פרויענם „קום!” — װאס לאקט צו זינד
רוישן רעדער און פארשריען,
און ס'פארטױבט מעטאל.

... — „טרו-טרו-טרו-טון” —
ס'פליט א בײדל:
װער געװארפן זיך פון פענסטער,
װער געטרונקען ציאן-קאלי...
װעמען ס'האט א קאפ געפײניקט
מיט מחשבות פינסטער-שװארץ;
װעמען ס'האט אין הארץ געלעבערט
יאוש קאלטער, יאוש-סם, —
און עס האט אים שוין דערעסן
אט דער אלטער מארש פון זון,
דאס געדריי פון טעג און נעכט —

— — — — — — — —

...רוישן לאנגזאם-לאנגזאם רעדער,
שװערע רעדער פון עגלות —
מתים, מתים!

פֿערד אין שוואַרצן, ווי די לצים,
אויערן שפּיצן זיך און ווינקען,
ווינקען לציש פֿון די קעפּ...
פירט מען אײנעם און אַ צווייטן...
און מען פירט אַ גאַנצן טאָג...
ווער ס'איז היינט נאָך אַ מלוה,
ווער אַ לעקיש שוין — אַ מת...
ערגעץ אַרבעט אַ „פֿאַבריקל":
— „מהור! טהור! און זיי מוחל!" — — —
— — — — — — — —

אַ קינד פֿון שטאָט!
אין נעבל אין עלנטע פּראָווינץ
אַ ווינטער רעדע-היילך אויף שטיין,
און ס'וועבט זיך אין אונם קאָשמאַר
אַ פּויק פֿון אַ פֿאַרוואָגלט צוג,
פֿאַרמאַכסט דורך „בראָם" די אויגן קוים
און ס'וויקלט זיך אַ שלאָף:
...בעטלער... מתים... תליות...
מענטשן הענגען...
צינגער שטעקן — שפּריצן בלוט...
גלעקער קלינגען:
גלין-גלאָן! גלין-גלאָן!
הרוגים טאַנצן אויף בולוואַרן
און זיי ציען מיט...
ציען, ציען דיך אין רעדל...
טוליען, טוליען זיך און פּרעסן
מיט די ווונדן פֿעסט צו דיר...
שווידערסט, שווידערסט, און די אָרעם
און דערוואַכסט אין זייער קעלט — — —
— טפֿוי! — כּע, כּע! —
כּע-כּע, אַ באַקאַנטע קעלט —
די קעלט פֿון וויסטן גרויען צימער...
פֿון טאָנער דאַרן אייזנבעטל —
גרייט אַרויס אַ גרויער מאָרגן

און זאָגט אָן א גרויע בשורה:
ס'האָט קיין זאַך זיך נישט געביטן..
נאָך א נאַכט און נאָך א טאָג —
א לאַנג „טיק-טאַק!" פון אייביקייט,
פון גרויער-גרויער אייביקייט — — —
שטייסטו אויף א קרענקלעך-בלאַסער.
בלייבער נאָך פון גרויען ליכט,
האָט עס פאַלט אויף האַרטע הייזער
און אויף גרויליכן אספאַלט.
וואַקסט אין האַרץ-חלל א טרויער,
גרעסער פון דער שטאָט אליין...

טיק-טאַק...

עס פֿאַלן אומעטיק די רגעס אין דער נאַכט,
ווי טראָפּנס טרערן פֿון דער גרויער צייט;
— טיק-טאַק!
— טיק-טאַק!
פֿון שוואַרצן דרויסן קלינגט. ווער וויינט? ווער לאַכט?
דאָס קייכט דער שטן חוצפּהדיק-פֿאַרשייט.

עס פֿאַלן אומעטיק די רגעס אין דער שטיל,
ווי קרעכצן פֿון אַ גוסס הייזעריק און האַרט
— טיק-טאַק!
— טיק-טאַק!
עס כאַפּט זיך אויף אין מויער-וואַנט די גרויל
און גריליצט ארום פֿאַרטויערט און פֿאַרשטאַרט.

עס שווימט די אייביקייט און פֿליסט זיך לאַנגזאַם-קוים
און וועבט אַ ניגון זיך — אַ ליד אָן וואָרט:
— טיק-טאַק!
— טיק-טאַק!
עס שווימט די אייביקייט אין וועלטן-רוים,
אויף כוואַליעס לופֿטיקע — און שטייט אַליין אויף אַן אָרט — — —

*

גרויע נעפּלען

גרויע, גרויע נעפּלען איבער מיר זיך שפּרייטן,
פאַלן ענגער, ענגער ווערט די שטיינער־שטאָט.
געפּש געשמידט איז די נשמה, ווי אין קייטן,
פאַרשוווּנדן איז פון דאַנען לאַנג שוין גאָט...

ב'זוך מיר ווינקלען שטילע, ס'ווילט זיך זיין בצינעא,
מנוחה זוך איך פאַר אַ תּפּי ה=טרער... —
דאָרט דערהשיינט פאַר מיר פון ערגעץ־ווו די שכינה
און האַליקט מיר מיין בענקען, מיין באַנער — —

נאָך חצות

איך כאַפּ זיך אויף נאָך חצות, אין שוואַרצער נאַכט, און שטומער,
און צינד זיך אָן צוקאַפּנס שטיל דאָס ליכט.
איך קוק צום שוואַרצן פענצטער, ליג אין זאַנפטן קומער,
און שאָטנס פרומע קושן מײַן געזיכט.

אַ שטילע רגעס! כ'זע נישט קיינעם אינם שווייגן,
איך זע קיין פרײַנט נישט און איך זע קיין פײַנט.
פון דרויסן רעדט צו מיר אַ ווינטל דורך די צווייגן,
אַ שטערנדל פון ערגעץ גריסט און שײַנט.

עס וואַכט אַלץ אויף בײַ מיר אין יענע שטילע שעהן:
חלומות און באַגערן, וואָס שוין טויט... —
ביז וואַן די פינסטערניש אין דרויסן הייבט אָן גרויען
און ס'דעקט זיך אויף פון ווירקלעכקייט די קויט...

דאַן ווערט מײַן האַרץ אויף ס'נײַ פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן ווידער,
מײַן טרוים צערונען ווערט דאַן אונדערמוט;
און אין נשמה טיף באַהאַלטן זיך די לידער,
אַ ווײַטער כרוב באַוואַכט זיי דאָרט און היט — —

בין השמשות

עס איז אין מיר איצט בין השמשות
טיפער, שטומער,
אין מיין נשמה־היכל פאלן שווערע שאטנס.
אויף אלץ, וואס האט געלויכטן — שווארץ געוואנד,
און אויף די ווענט מיינע פונס וואנדער
לייגט זיך בהרחבה אויס א מרה־שחורה...
און שטילקייט... שטילקייט...
כ׳הער צומאל אליין נישט מיינע טריט — —
נאר כ׳ווייס:
ס׳וועט נישט דער דונקל זיין א קברדיקער, לאנגער, —
עס איז א בין השמשות אין א נאכט...
אין תהום פון הארצן רייסט זיך א באגינען
א יונגער, ראזער,
אן אוצר פורפור פאר א רחבותדיק לאזור! —
און איידער ס׳וועט די נאכט אין מיר צעשפרייטן אירע פליגל —
א ים, א ים א נאלדענער ארוים וועט פון די ברעגעס
און אלץ פארפלייצן וועט אין ליכט —. —
און שוין אצינד —
עס קינגט שוין אויף די ליפן מיר א מארגן־תפילה
און ווארט נאר אויף דעם ערשטן שטראל.
ס׳ווארט אנגעשטרענגט ס׳געהער אויף פרי־געזאנג —
אויף ערשטער טרילערײ פון הפקרע מנגנים — — —
עס איז אין מיר איצט בין השמשות — אין א נאכט — — — —

*

כ׳וועל גיין מיין וועג...

כ׳וועל גיין מיין וועג אליין, באזונדער,
אויף שמאָלער סטעזשקעלע, ביים זייש.
כ׳וועל פרייען זיך מיט פרילינגס-וואונדער,
צו טרויערן אין בסארעס-צייט...

כ׳האָב פיינט די פרעכע שאַרן קראָען,
וואס קראַקען, לעכערן דעם רוים...
כ׳וועל היטן מיינע אתנזאָס-שעהן,
מיין תפילה-ליד, מיין שטילן טרוים.

ס׳איז תפילת-יחוד חיוסער, ריינער,
עס איז אָן הארץ א באָר-געשריי...
איך גיי מיין וועג באזונדער, אײנער,
אליין מיט חדוה און מיט וויי — — —

א נאכט

אויף דעכער שווארץ געפעכט
רוט פארדלשט א נאכט,
ווי א מידער פינסטערער דעמאן,
וואס קומט פון הימל-מדבריות
רולאז, נע ונד,
און זוכט זיך פיינלעך א תיקון
צווישן לייד פון דער ערד...

וויינען גלאקן אין רוים
פון טורעמס, פון הויכע —
קלאנגען צו קבורה...
עס איז איצט לויה פון טאג,
וואס געשטארבן איז ערנטיק-נרדי
אויף פעלדער פארוואָרלאָזטע-טריבע...
און ס'טראגן אים נאכט-נייסטער שטום
אויף די פליגלען מיט לאנגזאמען שווונג
צום וועלט-בית-הקברות,
וו ס'ליגן די רייען פון טעג,
פון פארלאשענע ליכטיקסטע טעג — — —

און דרינגט ווי א פלעמל אין נאס —
קוקט עס אוים ווי נר-תמידם א שטראל
פון א צדיקס אן אוהל ביינאכט
אויף אן אלטן בית-עולם...
ס'זיינען טויט אלע מתים ארום,
אין הארט איז דער שלאף אינם קבר...
אין הערן זיך טריט ווו-נישט-ווו —
קאנען זיין עס נאר טריט פון א קברן,
וואס גראבט נאך דעם קבר דעם לעצטן

פאר אַן עלנטן בר-מינן, ווינסטן,
וואָס שווער זײַן יציאת נשמה
געווען איז — און ר'האָט זיך פאַרשפּעטיקט
אײַנהאַלבנאַכט, אין שוואַרצער...

אויף דעכער שוואַרץ געפּעכט
רויט פאַרחלשט די נאַכט.
און פּוסט איז און לער איז דאָס דרויסן
ווי אַ שטוב, ווו ס'איז עמיץ געשטאָרבן —
אין אומזיסטער פרעמדלינג —
און נאָך זײַן לויה דאָרט בלײַבט נישט
אפילו קיין איינציקער אָבל,
און קיינער צינדט אָן דאָרט קיין פײַער
ווען ס'רוקט זיך די נאַכט אָן — — —

מיינע סעקונד

עס שלאָגט סעקונדן אויס אין טיפּעניש פון האַר
דער זייגער פון מיין זיין.
לאַנגזאַם טריפן זיי: טיק-טאַק – שטיל-שטיל —
און ס׳וועבט זיך, וועבט זיך ביסלעכווייז אַזוי
מיין אייביקער מעת-לעת — —
אַצינד ציילט דער זייגער שוין די רגעס פון ביטאָן...
אַ רגע! לאַנגזאַמער דעם טעמפּ:
בלויז איין מאָל וועט דער זייגער אויסקרייזן
דעם האַרצנס צופּערבלאַט...
איך בין קיין העלד נישט פון קיין נבואה,
כ׳קאָן דער זון נישט זאָגן: „שטיי!״...
דער הימל-וועג זיך קייקלט אונטער איר
און ס׳נענט זיך, נענט זיך דאָך אַזוי
די גרויזאַם-שטילע צייט פון אָוונט,
ווען שאָטנס אײז-קאַלט וועלן אַלץ מיט שוואַרץ געוואַנד פאַרהילן
ווען אַלץ דערטרונקען ווערן וועט אין טבול פונם חושך --
אין יענעם גרויסן חושך פון אין-סוף — — —
וועלט!
כ׳וואָלט וועלן אויסזוכן די נענטסטע וועגן,
אַהיים פירן צו דיין ערגעץ-ציל;
כ׳וואָלט וועלן יעדער טריט מיינער געווענדט זאָל זיין אַהין
נישט אין בלאָנדזשען זאָלן שטאַרבן שעהן...
עס זאָל נישט אָנקומען מיין אָוונט מיר אַנטקעגן
ערגעץ אויף אַ דערנער-סטעזשקע...
און כ׳וואָלט געוואָלט:

בײַם סוף פֿון מײַן מ ע ת ־ ל ע ת איך זאָל באַטרעטן
די בלויזע גרענעץ באַטש פֿון ע ר ג ע ץ ־ צ י ל — —
און דאַמאָלס מיטן לעצטן שטראַל פֿון שקיעה
כ'זאָל אויסזינגען מײַן שענסטע ליד —
מײַן שוואַנען־ליד — —

אַ רגע! לאַנגזאַמער דעם טעמפּ!
וועלט! אַנטפּלעק די נענטסטע וועגן! — —

✿

נר־תמיד

אײן ליכטל איז מיר נאָר געבליבן,
אײן פֿלעמל ברענט, איז תּמיד גאַנץ, —
און װאָלט איר עס פֿון מיר פֿאַרטריבן —
כ'װאָלט מיט מיט אײַך אין שדים־טאַנץ!

כ'װאָלט אױך געלאַכט פֿון נאַכט און שאָטן,
געשפּונען אײך אַ זײַד אין זעל,
אױף יעדער הײליקײט געטראָטן,
פֿאַרשװעכן אַלץ אױף יעדער שטעל.

נאָר ס'ברענט אײן פֿלעמל נאָך אין האַרצן,
עס דרינגט אַהין נישט אײער קעלט...
און װען איך װאָגל אום אין שװאַרצן —
נר־תמיד לײַכט מיר טרײַ און העלט ——

איך ווײס...

איך חלום: כ'בין אויף אַ קלײנטשיק שיפֿל
אין מיטן ים;
און פֿריער־שפּעטער —
כ'וועל מוזן ווערן דאָך דער קרבן
פֿון שטורעמס הפקר־שפּיל...
עס דאַרף דער שטורעם קײנעם נישט קײן חשבון געבן —
ווילד איז ער און זײן קאַפּריז,
שכור־ווילד און ברויזן...
די כוואַליעס הילכן, ליאַרעמען,
געיאָגט פֿון פֿרײ־צעבריִלטער סטיכיע,
און אויף דער פֿלאַך צעהיגלטער
קײן שפּור וועט בלײבן
דרײ רגעס נאָכן זינקען,
דרײ רגעס בלויז...
ס'וועט ווערן גלײך דאָס אָרט פּאַחנאָם
מיט כוואַליעס מעלטיקער און ווילדער,
מיט רוקנס דורכנעבליצט פֿון זון־גאָ ד —
נישט מער — —

דאָך איך —
דאָך איך בין ד ע ר, וואָס טרוימט פֿון אײביקײט,
וואָס שטרעקט די האַנט צו הימלען אויס,
צו אַלע זיבן הימלען...
דאָך איך בין ד ע ר, וואָס זײן געדאַנק געפֿליגלטער
דרינגט טיפֿער פֿונם ים,

און העכער פון די הימלען,

און הינטער לעבן...

דאָך איך בין דער, וואָס אינדערסיט פון זינקען.

ווען ס׳איז דער גוף און אָרעמס שוין פון אָפּגרונט,

ווען בלויז די אויגן זעען נאָך דעם הימל

א גליטבנולטיקן בלויען —

אויף דאן נאָך בליצן זיינע אויגן

מיט יענעם וואונדערלעכן חלום

פון אייביקייט, וואָס הינטער לעבן

און הינטער טויט — — —

א צווייגל

איך בין א צווייגל אפגעפליקט פון בוים
דורך עמיצנס א האנט,
א בייזוויליקע האנט,
פארווארפן טיף אין וואלד,
אין רעטזלהאפטן וואלד,
און כ'ווייס נישט ווו מיין שטאם..

איך הער
עס רוישט דער וואלד,
עס רוימט זיך בלאט מיט בלאט,
עס פלעכט זיך צווייג און צווייג
און צאפל נעמט אדורך
פון ווינטלס גלעט,
פון ווינטלס קוש
דעם סאמנעדיקן ריז,
און טיף ברויזט אויף זיין ברוסט,
און ס'ציטערט לייכט זיין קלייד —
די גאנצע נעץ פון גרינס.

און איך —
איך בין א צווייגל אפגעפליקט פון בוים,
פארווארפן פרעמד אין וואלד,
און כ'ווייס נישט ווו מיין שטאם...
א פרעמדעס צווייגל —
שענקט מיר קיינער נישט קיין זאפט,
שענקט קיין ווארצל נישט קיין קראפט;
טריקנט אויס אומזיסט דער טראפן טוי,
וואס פאלט אויף מיר ביינאכט,
פארבלאנדזשעט פון הסתם..
און וויין איך אין מיין יתומקייט,
און גיס איך אויס א טרער,

די ל ע צ ט ע טרער,
פֿאַר אַ נידריק גרעזל נעבן מיר,
דאַן ווינט זיך עם רחמנות-פֿול,
עס ווינט זיך פֿרום און פֿרענט:
„וווּ איז דיין שטאַם?״...
„וווּ איז דיין שטאַם?״...

און זשומט אַ בין פֿאַרבײַ
אין זאַטקייט פֿונם בלומען-שטויב,
אין מנוחה פֿונם זונען-טאָג,
דאַן קרײַזלט זי זיך איבער מיר
און זשומט, און זשומט:
„וווּ איז דיין שטאַם?״...—
און שווינדט אַוועק...
און גלאַנצט פֿאַרבײַ אַ שמעטערלינג
מיט פֿאַרבן אַלערליי,
מיט שטראַליקייט, מיט צאַרטלעכקייט,
מיט זוניקייט און רייץ,
מיט רעגנבויגנדיקער לופֿט, —
דאַן בלײַבט ער שטיין אַ ווייל אין לופֿט,
צעשפּרייט די סאַמעט-פֿליגל איבער מיר,
מיט הייליקער פּרוכת-פֿאַרב,
און קוקט מיך אָן דערשטוינט:
„וווּ איז דיין שטאַם?״...—
און ווערט נישט אין דער לופֿט...

— — — — — — —

און וויינט אַ סאָווע אין דער נאַכט
אין שוואַרצן, בלינדן וואַלד,
דאַן ליג איך שטום און הער —
אַ קדיש זאָל עס זיין נאָך מיר?...
איך ליג און שטום און הער,
און וועלק אַזוי און דאַר — —

אין אַ נאכטיקן זאַל

כ'בלייב איינער אליין אין שפּעט-נאכטיקן זאַל היינט,
אין פינסטערן ווינקל, אין שטול אינם טיפן.
קיין פייער, קיין שים ר, נאַר זײַדענע שאָטנס...
אויף וואנט-גאָבעלין נעמען לעבן די טיפן...

עס שווייגט שטיל דאָס שווארצע פארסודותטע פיאנא,
עס דרימלען די ווייסע, די שוואַנען-קלאַוויש;
עס האָבן פארלוליעט זיך מיידלשע פינגער,
וואָס רוען אצינד אויף אַ צנועהקן קישן...

אין לופט איז פארגליווערט אַ צארטער נאָקטיורן,
וואָס האָט זיך געוועבט דאָ אין אָוונט פארטראַכטן.
אין דר'הויך אויפן פיאנא — אַ בראָנז-ביוסט בעטהאָווענס
אין אומעט=מחשבות פון דמיון דערוואַכטן...

ביים פענסטער צוויי פאַלמען-געשפּענסטער — זיי טרוימט זיך
פון מזרחשע זוניקע, זאמדיקע וועגן...
פון צווישן גארדינען דרינגט לבנהקעס זילבער
און קושט זיי אזוי ווי אַ זילבערנער רעגן...

עס שטומט דער קאַמין ווי אַ טעמפל עון ע ב ר.
באַהויכט איז זיין דונקל מיט פליסטער, באַגערן...
עס האָבן מסתם דאָ אין דעמערונגס-שעהן
ביים שער זיינם געפלאָמט די הייליקסטע טרערן— —

— — — — — — — — —

כ׳בלײַב אײנער אַרײַן אין שפּעט׳ נאַכטיקן זאַל האַנט...
זאָל לאַנגזאַם זיך װעבן די: נאַכט װי אַ תּפֿילה...
דער טאָג אַזױ װײַט, װי אַ װײַטע לעגענדע.
בײַער שאָטן מיט שאָטנס, מיט זײַדענע, שטילע ——

אין שטאטישן הפקר

קומט, פרויען זינדיקע, קומט קינדער פון דער גאס!
איך גיב אייך אלעם הייליקעם אוועק.
נאט זעט מיין הארץ, נאט זעט איר ליבע און איר האס, —
איך גיי, איך גיי מיט אייך אצינד אין וועג...

צעפליקט די ווייסע ליליען, וואס כ'האב לאנג געהיט,
און נעמט מיך מיט אין אייערע טומאה־וועלט...
עס האט מיין איינזאמקייט זיך וואנזיניק צעגליט —
א נאט מיין הארץ — אין אייער זינד פארברענט!

כ'טרינק היינט מיט אייך אויף „דו" דעם גליענד־רויטן וויין,
ס'איז צווישן מיר און אייך קיין גרעניץ דא...
זאל שוימען היינט פאר אונז דער כוס פון פרייד און פיין,
זאל פלאמיק פארפורן די שווארצע שעה! — — —

כ׳וויל אנטלויפן...

ב׳וויל אנטלויפן פון אלץ, וואס דערמאנט מיר אן טויט,
ב׳וועל זיך זעצן אין גארטן און בליענדסטן ארט,
ווו עס לאכן פיאנען נאך פלאמיק און רויט,
דער וואסערפאל רוישט אין אנטופיקטע דארט...

אפשר וועל איך דערשפירן דעם זינגען פון צ ײ ט,
וואס חעבט זיך און וועבט ויך אין נעכט און אין טעג
אפשר וועל איך דערגיין, אז די וועט איז קיין וועט,
אפשר וועל איך דערגיין, אז דער ברעג איז קיין ברעג — —

פרילינג אין שטאָט

•

שטיי!

שטיי אַ ווייל, שטאָט!
יאָג נישט אויף שטיינער די פערד,
טרייב נישט מעטא אויפן ברוק,
אויף שינעס צעגליטע פון היץ...
דעם טייוולשן אָטעם דערשטיק! —

זע אויבן — די פאַסן פון בלוי:
ס'איז ערגעץ אַ ים דאָ,
פון בלויקייט א ים
אָן אָנהייב, אָן סוף...
שווימען דאָרט שניי-ווייסע שיפן אין בלויקייט,
אין תהומישער הויכקייט,
און ווייסן אין פלי-דורשט
קיין ראַנדן, קיין ברעגעס,
קיין גרעניץ...
און שוועבן, און שוועבן, און שוועבן — — —
זע — זילבער!...
דער ים שפּריצט מיט זילבער.

— — — — — — — —

העי, קינדער פון שטאָט!
קומט, אָרימע קינדער,
מיט פּנימער בלאַסע,
מיט אויגן מיט מאַטע,
פאַרחלשט פון שטאָטישן פּר[illegible] —
אַנטלויפט פון די לעבער,
פון דומפּיק, קעלערס,

קומט, קומט אין די פעלדער
אין בונטקייט נעשפרענקלט.
און וואַרפט זיך אין גרין-ווייכן טעפּיך,
און טוליעט זיך, פרעסט זיך צו קולקייט,
צי האָט זיך פאַר אייך נישט צענרונט עפּעס —
קוקט מיטן פנים צום הימל —
צום ים פון דער בלויקייט:
ס'וועט שיטן זיך זילבער
ווי פלאַמיקער רעגן
און קושן, און קושן
די בלאַסקייט פון אייערע באַקן;
און ליגט אייך אין רחבות,
און רוט אייך אין שטילקייט,
און טרינקט פון דער בלויקייט
ביז שכרות... ביז שכרות...

— — — — — — — —

שטיי אַ וויל, שטאָט!
שטעלט זיך, מאשינען!
דרייט זיך נישט, רעדער!
נישט נעפּלט מיט שטויב און מיט רויך!
ווע אויבן — עס ציען זיך איבער די הייזער
בלויז בלויאינקע טשכלעך פון ים — —

שעז

אָ לילאַ־גרוס פֿון אומבאַקאַנטע פֿעלדערן
אָ פֿרישער בעז אויף ראָגן ווי־גישט־חו! —
ס׳צעוויקלט אייער דופט אַ קנויל זכרונות,
איך קוש אייך, דעק מיט אייך די אויגן צו...

אַ פֿאַרהאַנג דעקט זיך אָפּ פֿון עבר־יאָרן...
דוכט: כ׳בלאָנדזשע אין אַ וואלד... איך שפּרייט די הענ[illegible]
נאָר ס׳וועקן נאָסן טרוקענע און האַרטע,
נאָר הויכע מויערן און גרויע ווענט...

איך זיך אַ בוימל, חלש נאָך אַ גרעזל —
פֿון צ[illegible]ט דער לילאַ־גרוס — דאָס שטענגל בעז — —
ווער האָט צעצווייגן אייך, אַ לאַנגע נאָמן?...
אַ גרויסער [illegible] באַשיין דיין גרינעם [illegible] — —

אין שטאָטישן פּאַרק

עס שווימען שוין אין טײַכל ווײַסע שוואַנען אום
און לאָזן בלויע קנײטשן אויף דער גלאַטער פלאַך:
האַלב-הויל נאָך שטייען בײַ דעם ברעג קאַשטאַנען שטום,
פֿון ערגעץ הילכט שוין שטיפעריש א קינדס א לאַך...

אַנטבלויזטע שטייען ווידער שוין די סטאַטועס דאָ — דאָרט
און טובלען זיך פֿון ווינטער-שלאָף אין פרישן העלן גלאַנץ.
דאָ בלאַנקען סענטשן אײַנזאַמע, געפֿינען נישט קיין אָרט
עס וואַכן-אויף די עבר-טעג, גלײַך ווי א בשׂורה-קראַנץ...

לאָז די ד׳ אמות...

לאָז די ד׳ אמות מיט די גרויע ווענט,
מיט די דעכער-דעכער, מיט שטיין און שטאָל. —
צו דעם יונגן הימל שפּרייטן זיך די הענט,
ס׳וואַרט אַ פרייד אַ העלע אין צעגרינטן טאָל...

יונג-באַבלומטע שטעגן און מיט זון באַשטראַלט
רופן דיך צו בלאָנקען שכּורדיקערהייט...
און געזאַנג פון קוואַלן, און גערויש פון וואַלד
וועט בײַ דיר געבוירן איך אַ ליד פון פרייד —

ביים ברעג

ווי שטיקער תכלת וואַרפן זיך די בלויע וועלן
און יאָגן האַסטיק איבער איינס דעם צווייטן;
פון ערגעץ הילכט אין לופט א דינער האָגל טרעלן,
אַ זון צעלאַכט זיך אינם הימל ברייטן...

ווי רויק ליגן די אויפגעגאַנגענע צעגריזנטע ברעגעס,
און ווערבעס אַטע זיך אין וואַסער שפּיגלען... —
אַט זיצט אַן אייזאַמער און אָטעמט שטילע רגעס
און כוואַליעס ברויזנדע זיין סוד פאַרזיגלען...

עס שטייען שיפלעך גרייט — די זעגלען אויסגעשפּרייטע,
עס רופט דער הימל-בלוי, עס ציען גרינע פעלדער.
אַ פייף. — אדיע, דו שטאָט! — קומט, קומט צום וואַנדלען גרייטע —
דער וועג אַ בלאַנקענדער דורך בערג און שוואַרצע וועלדער — — — —

אין פריילינג און וואנדער

*

ס'איז שוין יעדער וועג...

ס'איז שוין יעדער וועג, וואס פארהוילן זיין סוף,
ס'איז שוין יעדעם ציל, וואס איז תמיד אין ווייט... —
קום, פריינט! לאמיר אויפשטיין פארטאג בכי טוב,
נאך איידער ס'צעליארמט די שטאט זיך, צעשרייט...

הורך שלאפנדע גאסן, בולווארן, אספאלט,
באגלייטן וועט אונז נאר א וועכטערס א בליק. —
און ווען ס'וועט די זון זיך שוין האבן צעשטראלט,
וועט ליגן די שטאט שוין אהינטער, צוריק.

זי וועט זיך צעטומלען מיט פייף און געברויל
און שפייען פונוואנעס מיט טונקעלן רויך...
נאר מיר וועלן יובלען — אונז לאקט דאך א ציל,
וואס שוין איז און ווייט, ווי די זון אין דער הויך — —

*

דער חיפּילטער פּרילינג...

דער חיפּילטער פֿרילינג צעשטראַלט זיך, צענהײַט
צעשפּינט זיך מיט זון און מיט בלוי!
צום חיפּילטן מאָל ברויז איך אויף ווי אַ הונט
און מ'ציט אין דעם הפֿקר אַזוי...

עס רײַצן די וועגן דורך באַרג און דורך טאָל —
כ'בין וואָגלען און וואַנדערן גרייט!
וווהין? — ס'איז אַלציינס! כ'דאַרף נישט פֿרעגן צומאָל
עס פֿרעגט נישט אַ ווינט, ווען ער וויִיט...

עס רײַצן די וועגן... עס לאָקט יעדעס פֿעלד,
אַ טײַכל, אַ וועלדל, אַ קוואַל...
דאָ ווינקט-צו אַ בלימל, אַ לערכע דאָרט טרעלט,
און אומעטום צערטלט אַ שטראַל.

ס'איז גוט ווי אַ בעטלער צו זײַן אין די טעג,
אַ שטעקן אין האַנט — און וואָס נאָך!
אַ דערפֿל, אַ ישוב — און ווײַטער אין וועג, —
און וועג ליגט אַן אוראַלטער תּוך — —

*

ווייסע בוימער...

ווייסע בוימער, ווייס פֿון בליִע,
ס'שטראָמען פּאַליעס דופֿטן;
שטראַלן גלִיען, שטראַלן בריִען
אַ געזאַנג אין לופֿטן...

כ'ליג אין גראָזן טויִע, קילע,
ס'זשומט אַ בינם אַ ניגון:
אין אַ גליקלעך־העלער תּפֿילה
ווִיל זי מיך פֿאַרוויגן...

ווִיפֿיל פֿרייד, אָ, אונטער הימלען
כ'שפּיר די אייביקייט אָן ענדע...
זינג מיר, בין, אָ זינג, כ'וועל דרימלען
שפּין די זוניקע לעגענדע!...

כ'וויל אַזוי פֿאַרגעסן ווערן
אין די דופֿטן, אין די פֿאַרבן,
און נישט פֿילן, און נישט הערן,
ווי כ'וועל אויפֿגיין, ווי כ'וועל שטאַרבן — —

וואַסערפֿאַל

אַ אײביק־רײדעװדיקער, שױמענדיקער װאַסערפֿאַל!
איך שפּיר דעם טאַקט פֿון אײביקײט און קלאָרן רױש בײַ דיר.
איך הער אײנציקטיק: קדיש זאָגסטו נאָך דעם, װאָס שטאַרבט אַװעק,
און בשׂורות זאָגסטו אָן פֿון דורות קומענדע נאָך מיר...

און ס׳קלינגט אַלצאײנס דער ניגון פֿון דײַן מאָנאָטאָנעם ליד —
דאָס ליד, װאָס רעדט פֿון ניט־געבױרט און פֿונעם טױט דעם האַר. —
עס איז אין־סוף־געזאַנג, װאָס טריפֿט זיך טראָפּ נאָך טראָפּ,
און כ׳שפּיר אין דיר, אַ װאַסערפֿאַל, די אײביקײט דערפֿאַר — —

דאָס ליד פֿון פֿרייד

אָ זון, אָ זון! איך טרינק אומשטערבלעכקייט אין ליכט בײַ דיר;
עס עפֿענען זיך אוצרות גאָלד פֿאַר דעם, וואָס דורשט — פֿאַר מיר!
איך טרינק און ווער באַרוישט, פֿאַרשכּורט פֿון דײַן העלן גלאַנץ!
איך לאַך און קײַך פֿאַר פֿרייד און רוף די גאַנצע וועלט צום טאַנץ!
איך לאַך פֿון די, וואָס וויינען, כ'לאַך און קײַך פֿון יעדן „אוי":
— איר בלינדע, בלינדע! זעט ווי אויבן ס'איז דער הימל בלוי.
איר טויבע, הערט, ווי ס'זינגט די וועלט פֿון חדוה און פֿון פֿרייד,
עס טאַנצן שטראַלן איבער קבֿרים שפּורדיקערהייט...
צי טויט, צי לעבן — ס'איז אַלצאיינס, בײַ אייביקייט אַ שטיף...
צי אונטער זונען, אָדער אונטער שיכטן ערד גאָר טיף.
צי טרינק דעם ברויזנדיקן ווײַן, צי וואַרף פֿאַרשייט דעם בום,
צי וואַך, צי שלאָף, נעבויר, צי שטאַרב — עס האָט נישט קײַן
„פֿאַרוואָס"...—
אײַף אַלץ און איבער אַלעמען צעטראַנט זיך אַ געזאַנג,
עס איז אַ שפּיל אַן אייביקעם — שוין לאַנג, שוין לאַנג, ביז לאַנג — — — —

✽

מיט דײַנע פֿרילינגס, וועלט...

מיט דײַנע פֿרילינגס, וועלט, האָסטו צעפּלאַמט מײַן אומרו,
מיט זונקײַט האָסטו מײַן בלוט צעגליט;
עס האָבן גרינע טעפּיכער אויף דײַנע לאָנקעס
נישט אײַנגעוויגט מײַן אויפֿגעבריזט געמיט.

דו האָסט פֿאַרשאָטן מיך מיט פֿלאַמיקע פּיאָנען,
אַקאַציעס תּאווה-פֿול — אַ ווײַסער ים!
און דײַנע טעכטער ערדישע מיט ווײַסע לײַבער,
זיי האָבן מיך צעצונדן אין אַ פֿלאַם.

מיט דײַנע פֿרילינגס, וועלט, האָסטו צעבריזט מײַן אומרו,
דורך וועגן, שטעט — איך ווייס מער פֿון קײן רו!
איז וואָס, אַז ה א ר ב ס ט זינגט ווען אַ קדיש-ניגון,
צו שנײען מײַנע וועגן דעקן צו? — — —

אין די טאַטרעס

מאַרין גצווירמאַן

I

אויף אַ פֿעלז

ב׳שטרעק אויס די הענט, די וואָלקנס צו דערלאַנגען,
נישט ווייט אין דר׳הויך — און כ׳בין אַ הימלס־קינד!
ס׳צעוואַקסן זיך אין האַרץ טיטאַנישע פֿאַרלאַנגען;
עס פֿעלט מיר אָדלער־פֿליג נאָר אַצינד.

ווי ווײַט, ווי טיף די ערד=פֿלאַך טוט דאָרט ליגן,
די מעזעלעך ווי בינען־שטאָקן קליין;
און מענטשעלעך — כאַ=כאַ־כאַ — בלויז פֿליגן, פֿליגן,
ס׳דערגרייכט נישט זייער לאַכן און געוויין...

עס שטאַרצן שפּיצן פֿעלזיקע צום הימל,
זיי קוקן זיך מיט בטול צו דער ערד... —
אַ פֿעלזן! כ׳לויף צו אײַך פֿון מענטשן־שימל —
ווי וואָלט איך זיך מיט פֿעלזיקייט גענערט! — — —

II

בערג=אָוונט

אויפֿן ג ע ו ו אָ נ ט קריכט אַ וואָלקן טריבער,
פֿאַרהילט זיין צלם אין דער הויכער הויך;
אויף דער גאַנצער בערג=קייט גייט אַריבער
אַ לאַנגער שלײַנגלדיקער בלויבער רויך.

ס׳רוקט אַז אָוונט זיך אַ שטומער, קילער,
די שאָף קערט מיט געקלאַנג פֿון בערג צוריק;
ערגעץ קלינגט אַ ווײַטער נגון שטילער:
אַ יונגע גורל-טאָבטער זינגט פֿון גליק...

נאַכט. פֿאַרפֿאַלן זײַנען שוין די שפּיצן,
זיי האָבן זיך צום הימל-האַרץ געפּרעסט;
ערגעץ ווײַטע שטערן הינקען, בליצן,
גלײַך ווי פֿאַרשפּעטיקטע, נאָר נאָנטע, געסט — —

III

אויפֿן וואַלדיקן רוקן...

אויפֿן וואַלדי ן רוקן פֿון פֿעלז
וואָלט איך בויען אַ שטיבן געצעלט; —
וואָלט איך לויפֿן פֿון מענטש און פֿון וועלט —
אויפֿן וואַלדיקן רוקן פֿון פֿעלז...

כ׳וואָלט מיט וואָלקנס געאָרעמט זיך שטום,
מיט דער זון וואָלט איך הײם זיך געקושט...
עס וואָלט פֿײַער געבראָזט אין מײַן ברוסט —
אויפֿ׳ן וואַלדקין רוקן פֿון פֿעלז...

IV

אין אַ רעגנדיקן טאָג

עס האָבן די ריזן פֿאַרהילט דאָס געזיכט
אין פֿינסטערער קרעפּ,
צוזאַמענגענאָמען אינאײנעם, געדיכט,
און כמאַרעם די קעפּ.

און ס'פֿאַלט אין דער שטילקייט אַראָפּ טרער נאָך טרער
אויף סאָסנעס און טאָל;
און ס'קײַקלען די טרערן זיך אומזיסט אין שווער
פון נאָדלען אָן צאָל.

עס טונקלט אַן אָוונט. נאָך העכער אַוועק
די ריזן פון דר'ערד —
ווי ס'וואָלט זייער בענקשאַפט געקומען צום ברעג,
די תּפֿילה דערהערט:

דאָס האָט זיך דער הימל פֿאַר זיי אויפֿגעמאַכט,
גערופן אין דר'הויך...
און אונטן געבליבן איז אָוונט און נאַכט,
בלויז געפֿלדיק רויך — —

Y

„דער שלאָפנדיקער ריטער" *)

דורות, דורות שלאָפֿט דער ריטער
אין דעם בלויען רוים;
ס'וועקט אים קיינמאָל קיין געוויטער,
רײַסט נישט אָפּ זײַן טרוים. —

מיטן פּנים צו דעם הימל
און דעם בליק פֿאַרמאַכט —
שווימען יאָרן אין זײַן דרימל,
טוישט זיך טאָג און נאַכט...

---

*) אזוי הייסט לויט דער טאַטרעס-לעגענדע דער באַרג ג ע וו א נ ט, וועלכער זעט אויס ווי אַ ריזיקע פיגור אויסגעצויגן אויף דער קייט פון די בערג.

טײַלמאָל וואָלקנס אין פֿאַרהילן,
שנײַען דעקן צו —
אײַביק ר'וועבט זײַן חלום שטילן,
אומגעשטערט זײַן רו...

זעט ער אין זײַן לאַנגן שלאָפֿן,
אין די נעכט און טעג,
הימלען, הימלען נאָר אָן סופֿן,
ווײַטקייטן אָן ברעג — — —

VI

בײַם „שוואַרצן סטאַוו"

דוכט, שוין איז אַפֿילו דער טויט אין די בערגן
דו זעסט דאָ די ריסן — ווי הויך!
דערגרייכן דעם שפּיץ און — די פֿליגל צעשפּרייט,
פֿאַרשווינדן אין אָפּגרונט ווי רויך...

צעשפּרייטן די פֿליגל... און אונטן אין סטאַוו
אַ פּאַטש מיט די פֿליגל אָן ס'אַך! — —
דוכט, שוין איז אַפֿילו דער טויט אין די בערג —
אַ טויט נאָר אָן גסיסה, אָן „אַך!" — —

דער פֿינסטערער סטאַוו — ער פֿאַרדעקט גלײַך שאַ־שטיל,
און ס'שטאַרבט גלײַך דער עכאָ אין טאָל...
און שפּעטער פֿאַרצײַלן וועט אײנער דעם צווײטן:
„ס'איז עמיץ געפֿאַלן אַמאָל" — — —

זאַקאָפּאַנע, 1921

*

ים-געזאנגען

I

וויג זיך.

וויג זיך, שיפל, אויף די בייטן
אויפגעבלאָזט פון ווינט;
ס'רייסט צום אָנסוף וויַיטן, ברייטן —
כ'בין א סטיכיען-קינד!

טראָג זיך, שיפל, אין די וויַיטן
אָן א סוף, אָן ענד...
גאָלד-גלוט שפּריצט פון אַלע זייטן;
שקיעה פלאַמט און ברענט.

אונטן, אויבן בלענדן פאַרבן,
פלימט עס פלאַם און פלאַם.
גוט צו לעבן, גוט צו שטאַרבן
אויף דער ברוסט פון ים — —

II

פישער שווייגנדיקער

פישער שווייגנדיקער, גרויער!
זעגל-אָפּ שנעל פון די ברעגן!
לאָמיר לאָזן ערד און טרויער,
טרייב אין ברייטע וואַסער-וועגן.

כ'איל נישט זען קיין קלויסטער-שפּיצן,
כ'וויל נישט זען פון ערד קיין צייכן. —
זאָלן וועלן פונקען שפּריצן,
מעקעם גריסן פון די הייכן.

ווינטן קומען, ווינטן ברומען... —
זײַ געגריסט, דו ים-געוויטער!
ס'וועט מײַן הארץ זיך לערנען שטומען
און נישט טאָן קיין פּחד-ציטער.

III

מיר זייגען אַ פּייערל...

צום ברעג איז נאָך ווייט און די נאַכט פאַלט שוין צו,
עס ווינן זיך כוואַליעס, וואָס ווייסן קיין רו.

עס ברענט אַ לאַמטערן אין שיפל באַזאַכט —
ס'זיצט אפשר אַן איינזאַמער ערגעץ און טראַכט.

ער זעט אונזער פײַערל בלאָנדזשען אין ים,
עס צוט אים, עס בענקט זיך אים דאָרטן מסתם..

נײַן, לאָמיר נישט רודערן איצטער צום ברעג, —
זיין טרוימערס חלומות נישט מאַכן אַן עק.

שטיל זאָל ער דאָרט זיצן אַליין, אָן אַ זײַט..
מיר זײַנען אַ פּײַערל ערגעץ אין ווייט — —

IV

אין אַ זוניקן טאָג

וויפל זילבער האַנט אויף פלאַך פון ים
ויפל שפּיל אין יעדן וואַסער-פאַלד!

ווײַסער זעגל, ווי דער וואָל פֿון לאַם,
גליטשט זיך, גליטשט זיך אין קרישטאָל, וואָס שטראַלט...

רויִק, האַרץ! ס'קאָן שטורמען אויך אַ ים,
שטיקנדיק אין טיף זײַן ווילד געברויל...
שווים, מײַן שיפל! כ'שוינק די וועלעם סתם;
שווים אָט ווי ס'זאָל זײַן איצט, כ'דאַרף קײַן ציל — —

V

גלויב נישט...

דו גלויב נישט דעם ים, ווען ער שטומט,
ווען ס'גיט זיך קײַן רונצל זײַן פֿלאַך:
אײַן ווינק פֿון אַ ווינטל — ער ברומט!
ס'צעבריִלט זיך זײַן ימישע שפּראַך!

ווי לאַנג קאָן דען שווײַגן אַ ריז,
דען שטורעמס בלויז וואַכן אין בלוט!...
וואָס איז נאָר אַ דרימל ווען ס'איז
וואָס דויערט אַ קאַרגע מינוט...

דו גלויב נישט דעם ים, ווען ער טרוימט,
ווען, דוכט, ער איז מיד און באַזאַכט... —
אָט ווערט ער צעבריוזט און צעשוימט —
דאָס האָט ער פֿון שטורעם געטראַכט! —

VI

בעט נישט קײַן רו...

דו בעט נישט קײַן רו
אויף ברעג פֿונם ים;

כ'וויל, שטורעם בּוּסטו
און איך — כ'בּין אַ פלאַם...

אַ כוואַליעס-געזאַנג,
אַ הערצער-געשפּיל — —
קיין רו נישט פאַרלאַנג —
ווי קאָן מען זיין שטיל?...

VII

זיי מקנא...

זיי מקנא דער מעווע, וואָס שכור פון ים,
דאָ שוועבט זי אין לופטן, דאָ רייט זי אויף וועל.
אָך ווי גוט זיינען פליגל — אַ גליק מן הסתם!
אַ פלאַטער, אַ פלין! און נשמה ווי העל!...

דאָ אַ טאַנץ אין דער בלויקייט, אַ שפּיל מיטן שוים,
דאָך אייַנזאַמע שיפלעך אַ יאָג און אַ בלענד...
ניט מקנא דער מעווע פון ימישן תהום,
דו האָסט נישט קיין פליגל און שוואַך דיינע הענט...

VIII

ביים ווילדן ים...

ביים ווילדן ים, אין ווילדער נאַכט
איך זיץ, און שוויַיג און שטום.
איך האָב זיך אין געוויש פאַרטראַכט,
אין ימישן געברום...

אין ווילדער נאַכט, אין ווילדן ים —
אַ וואַסער-בערג-געלויף!
ס'פּלאַצט איינער אויף מיט שטיקער שאַם,
דער צווייטער פאַלט דערויף...

אין ווילדן ים, אין ווילדער נאכט —
א קאמף גאר אן „פארוואס"!...
עס איז פאר־מעשה־בראשית־מאכט,
קיין נאט איז באלעבאס — —

גערויש... געהויל... איך הער אליין
אין ים־גערויש א ים!
געהארזאם, וואסער־בערג! בלייבט שטיין
ס'איז קיין געראנגל סתם! —

פאראן אראפצושווינקען פיל,
פארטרינקען גלייך ווי סדום...

— — — — — —

אין ווילדער נאכט, ביים ים־געברויז
איך זיץ און טראכט אין תהום — —

IX

כ'פארגעס אמאל...

כ'פארגעס אמאל, אז איך בין שטערבלעך,
אז קורץ און שטויביק אין מיין וועג;
איך זיץ ביים בלויען ים און חלום
פון וויטקייטן, וואס אן א ברעג...

עס זינגט דער ים. און מיין נשמה
זינגט־נאך דאס ליד פון אייביקייט...
איך שטרעק די ארעמס — אדלער־פליגל —
צו בלויקייט און צו לויטערקייט...

ביז — ס'שפייט דער ים ארויס מיט חוזק
א טויטעם ווערימל צום ברעג... —
ס'דערמאנט מיר דאן א קבר־בערגל
און כ'זע דעם סוף פון מיינע טעג — —

*

אליווא־צאפאט, 1922-5

צ ו ד ע ר א ו ן צ ו י ע נ ע ר

✻

נ י ש ט פ ר ע ג !

שט, פֿרעג, ווער איך בין און פֿון וואַנען איך קום:
מיר זיינען נאָר קינדער פֿון רגעס —
נישט מער, פֿרעמדער-נאָענטער פֿריינט!
קום, נעם מיך אַזוי ווי אַ שוועסטער אַרום.
דער נעכטן? דער מאָרגן? — וואָס אַרט וועס! נישט פֿרעג עס —
מיר קאָנען זיך פֿרייען בלויז היינט!

מיר זיינען נאָר רגעס... אַ ווינטל אַ ריר...
מיר קאָנען אַ ניי ניגון קוים וועבן,
און אפֿשר — איין ניגון אָן סוף...
היינט נאָרט מיין נשמה אויך זינגען מיט דיר —
וועט נ אָ ך אַ פֿאַרב האָבן דאָס גרוי-קורצע לעבן,
וואָס פֿירט דאָך צום אייביקן שלאָף — —

✻

זאָל זיך דיר דוכטן...

זאָל זיך דיר דוכטן, אז איך בין אַ דורכגייער,
וואָס וואַנדערט און וואָגלט פון איין לאַנד אין צווייטן;
און ווו נאָר ער קומט, לאָזט ער איבער אַ חלום דאָרט
ער זייט זיינע טרוימען און וועגן און זייט...

און שטרעקט זיך אַ האַנט אויס צו אים אין דער וואַגלעניש,
און גיט אים אַ צערטל אַ וואַרימער בליק —
דאַן מאַכט ער אַן אָפּרו: ער הויבט זיינע אויגן אויף,
וואָס ריידן פון ערגעץ-לאַנד, ריידן פון גליק — —

ער רוט-אויס די גלידער און ווייטער און וועגן וויט,
ער לאָזט נאָר אַ סוד איבער טרוימעריש-שטיל...
נאָר בלייבן — דאָס קאָן ער נישט, נעמטן — דאָס וויל ער נישט;
עס איז דאָך און זוכן, און זוכן זיין ציל! — —

זאָל זיך דיר דוכטן, אַז איך בין אַ דורכגייער,
די צערטלעכע פרייַנטלעכע האַנט — דאָס ביסטו.
און כ'קאָן לאַנג נישט בלייבן, כ'קאָן לאָזן אַ חלום נאָר:
עס האָט אַ מכשף פאַרשאָלטן מיין רו — —

•

לעבנסבוך

דו ביסט א שיין קאפיטל אין מיין לעבנס-בוך,
דאך ווייל איך נישט, זאלסט זיין שוין דער פינאל...
פארוואס נאך שיינקייטן פאר מיר — א ים, א ים!
צו פיל, ס'זאל די קורטינע טאן א פאל...

ביסט פרעכטיק — יא! דאך קאנסטו נישט די לעצטע זיין;
מיר דוכט: עס ווערט דאס בוך ערשט אויפגעמאכט...
די טעמע דאך: מער קאפיטלען — רייכער אלץ דאס ווערק —
ווען כ'האב זיך וועגן סוף נאך נישט פארטראכט — —

מ י י ן פ ר ע ל ו ד י ע

(סקערצאָ)

זי האָט געשפּילט דאַן אַ פּרעלודיע פֿון שאָפּען,
געפֿלאָסן קלאַנגען זײַנען שטיל, אַנדאַנטע;
און כ'האָב געמיינט: איך האָב אַ מזרח־קינד געזען
צעווישן פּאַלמען, זון, און לאַנד פֿון ד אַ נ ט ע...

כ'בין שטום דעם איר געשטאַנען ווי אַ שאָטן,
ווי יונג, ווי טרוימיש־העל זי איז — אַ ווײַסער שוואַן!

— — — — — — — — —

כ'האָב מיט אַ קוש — א קלאַנג נישט על־פּי נאָטן —
איך אָנגעהויבן מײַן פּרעלודיע פון... ראָמאַן — —

●

ש פּ י ל ע ר״

כ׳בין גוט פֿאַר פֿיל און שלעכט פֿאַר איינער —
ס׳איז נישט מײַן שולד דערין:
עס איז אַ שפּיל אַ כּשוף־שײַנער,
כ׳פֿאַרליר און איך געווין...

איך שטעל אײַן קאָן נשמה־שטיקער
און שפּיל, און שפּיל, און שפּיל — —
געווין איך — בין איך פֿרײדיק־שכּור
כ׳פֿאַרליר — איז אויך שאַ־שטיל...

געווין איך הערצער... אויגן־פֿײַער...
און הענטלעך — שוואַנען־שניי...
פֿאַרליר איך — ס׳איז אַלצײַנס מיר טײַער
מײַן שכּרות, ווי מײַן ווײ...

כ׳בין גוט פֿאַר פֿיל און שלעכט פֿאַר איינער —
איך ווייס עס לאַנג אַליין!
עס וועט מײַן האַרץ נישט טאַדלען קיינער
פֿאַר לויבן אַלץ, וואָס שיין — —

מאַמע, קינד און גאַסן־פֿרוי...

מאַמע, קינד און גאַסן־פֿרוי —
אַלע דרײַ אין דיר;
און דערפֿאַר טוט באַנג אַזוי,
גליק און פּײַן אָן שיעור!

און דערפֿאַר געמישט מיט סם
איז דײַן קוש פֿאַר מיר;
ס'צינדט זיך אָן אַ שוואַרצער פֿלאַם
פֿון דײַן האַנטס אַ ריר.

און דערפֿאַר ביסטו דער פֿלוך
אויף מײַן דערנער־וועג:
כ'בענק נאָך דיר און זוך און זוך
און — פֿלי! פֿון דיר אַוועק — —

עלעגיע

צו ••

א מצבה שטעל נאָך יענע טעג די! צארטע
פֿון או.זער בײַדנס הױל-צעבלױטער פריִיד...
ס'לינן יענע רויזן שוין פון לאנג פֿארדאַרטע,
שוין אלע סטעזשקעלעך מיט זאמד פֿאַרוויַיט..

ס'הועלן יענע נעכט, די! בלויע, מער נישט קימען,
ס'הועט אונז נישט זיננען מער זײַן ליד דער וואסערפאל...
אין די: שווארצע פעלדער, צווישן טויטע בלומען,
איצט יאָמערט, יאָמערט טרויריק דער שאקאל...

פרעמד, צעזונדערטע, אין וועגט אין גרויע, האַרטע,
אונז נאָגט די! קאלטע איינזאמקייט איז! פרעסט..
א מצבה שטעל נאָך יענע טעג די! צארטע,
וואָס קומען בלויז אין חלום ווען אין-נעסט..

צו אַ יונגער זעלבסטמערדערין

געלאָפן שטענדיק ביסט פון אַלץ, וואָס בליט און לעבט,
האָסט לעבן גלייך ווי אַלע נישט געקענט.
אין איינזאַמקייט האָסטו דיין שוואַרצן טרוים געוועבט —
צום טיפן אָפגרונט דרייסט געשטרעקט די הענט!

אַ טרוועריקע לידיע ביי אַ פרעמדן ברעג,
עס האָט די ווייסע זון דיך נישט פאַרבלענדט...
דו האָסט אַליין געלייגט אַ גרעניץ דיינע טעג...
און אויב נישט לעבן — שטאַרבן האָסט געקענט!

איצט ליגסטו שוין אין קאַלטע אָרעמס פון דער ערד.
פוי, קאַלט איז דאָרט און אייביק איז די נאַכט...
דאָך ווען דו וואָלסט פון קבר אַ געוויין דערהערט,
וואָלסטו נצחונדיק זיך נאָך צעלאַכט! — — —

❀

ביים בערגעלע

(פאָלקסטימלעך)

כ'בין געזעסן ביים בערגעלע דאַנם,
ביי דיין שטומער מצבה פארקלערט,
און איך האָב זיך פארגעסן נאר דאַן,
אז עס קילט דיך די שווארץ-קאלטע ערד...

כ'האָב געקוקט אויף דער זון אין דער הויך
און די שטראלן דערציילט האָבן סוד,
אז דו זיצסט אויף אַ גאָלדענעם שטול
און עס קנייען מלאכים פאר דיר...

א ו נ ט ע ר פ א ל נ ד י ק ע ב ל ע ט ע ר

*

א י ז ב ל ע ט ע ר - פ א ל

ווען ס'וויגן זיך די גאלדענע לאקן פונם וואלד
ווען גרויקייטן פארדעקן הימלפלאך ארום,
ווען אין דעם סטאוו זיך שרומפן פאלד און פאלד —
דאן פאל איך אונם שוים פון ע ר ד און שווייג און שטום...

עס וויַיט אויף מיר א רו, אן אייביק-שטילע רו,
וואָס קומט אויף פליגלען לופטיקע פון י ע נ ע ר ז ײ ט...
און כ'ליג אין האַרץ פון וואלד, די אויגן שליס איך צו,
עס בלייבט פארזונקען אלץ, ס'בלייבט שטיין די שטומע צייט...

דוכט: וואָלקנס טראָגן מיך אין בלויען-בלויען רוים,
און כ'שוועב אזוי אין ווייט... וואַרט: באלד דערשיינט א לאנד...
ווי הייליק-שטיל איז דאָרט, ווי אין א שוואַנען-טרוים,
עס גלעטן דופטן לייכט, שוין באלד ביי י ע נ ע ם ראנד...

כ'שטרעק-אויס פארבענקט די הענט צום שטילן קדושה-לאנד:
א פאָרהאַנג, מאַך זיך אויף — כ'בין מיד, כ'בין מיד, כ'בין מיד — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען ס'וויגן זיך די גאָלדענע לאָקן נאָכאַנאַנד,
איז בלעטער פאלן זיפצנדיק: ווי קורץ געבליט! — —

*

אין וואַלד

אויף מײַן קאָפּ איז געפֿאַלן
אַ גאָלדענעם בלאַט. —
כ׳האָב צום באַק עס געטוליעט,
צו די ליפּן געפּרעסט:
ס׳איז געווען אַזוי קיל,
ס׳איז געווען אַזוי טריב...
גלײַך עס וואָלט מיך געצערטלט
אַ דאַר־בלײַכע האַנט —
אַ דאַר־בלײַכע האַנט פֿון אַ מת — —

אויף מײַן קאָפּ איז געפֿאַלן
אַ גאָלדענעם בלאַט...

און כ׳פֿיל, אַז אין ערגעץ,
אין טונקל פֿון וואַלד,
שפּאַצירט־אום אַ דאַרער סקעלעט
און ווײַעט מיט קעלט אויף די צווײַגן.
און ס׳קאָרטשען זיך בלעטער,
און ס׳פֿלאַטערן בלעטער,
און ציטערן פֿינגערך,
און ווערן פֿאַר פּחד פֿאַרגעלט...
אָט הער איך אין שטילקייט פֿון וואַלד זײַנע טריט
אָט שפּיר איך זײַן אָטעם, —
זײַן פֿראָסטיקן אָטעם, —
דאָס דרינגט פֿון זײַן חללדיק שאַרבן...
און ס׳קאָרטשען זיך בלעטער,
און ס׳פֿלאַטערן בלעטער...
אַ מורמלען צעטראָגט זיך,
אַ שרעקעוודיק רוישן —
אַ ציטערדיק ניגון פֿון וידוי — —

פֿון ערגעץ דערטראָגן זיך
טריט פֿון אַ מחנה —
אַ שוואַרצער לוויהקער מחנה...
ס׳באַוועגט זיך אַן אָרון,
אַ פֿינסטערער אָרון,
אַריבער די קעפּ פֿון דער מחנה,
וואָס ציט זיך, וואָס ציט זיך
אַהין —
צו דעם אייביקן בערגל...
און קוילבלעך פֿאַרטרויערטע
יינגלשע קולכלעך,
צעטראָגן אין צפֿון און דרום,
אין מזרח און מערב:
— צדק לפניו יה - לך! — — —

— — — — — — —

אויף מיין קאָפּ איז געפֿאַלן
אַ גאָלדענעם בלאַט — —

א האַרבסט-טאָג

עס איז הײַנט אַ טאָג אַזאַ שטילער, אַ שטילער,
ווי נאָך אַ לויה... —
גלײַך וואָלסט הײַנט באַגלייט צו אַן אַלטן בית-עולם,
דורך וועגן דורך באַנגע, דורך וועגן דורך טריבע,
די לעצטע, די טרײַע...

עס שטייען דאָ — דאָרטן אַ ווערבע, אַ סאָסנע,
די קעפּ טיף געזונקען...
געל-גאָלדענע בלעטער... בית-עולמשער ריח...
בײַם וואַסער-מיל שטייט שטיל דער ראָד און ער שפּריצט נישט
מיט פּערלשע פונקען...

ווי נידריק, ווי נאָנט צו דער ערד ס'איז דער הימל —
אבלים צוויי שטילע...
דער הימל און טרויער, די פעלדער און קריעה...
און ביידע, זיי שטומען און זײַנען מכוון
אַ קדיש, אַ תּפילה...

עס איז הײַנט אַ טאָג אַזאַ טרויעריקער, שטילער...
איז טויט עס, צי לעבן?...
— „גלון-גלאָן!" — קלאַנגען גלאָקן פון טונקעלע קלויסטערס...
עס רוקט זיך אַן אָוונט דורך פעלדער און וועגן
אין שוואַרצע געוועבן — —

*

אין שויס פון האַרבסט

I

רו

כ׳וויל פון קיין זאַך נישט טראַכטן, פון קיין זאַך נישט וויסן, —
לאָזט מיך ליגן אין וואַלדיקן גראָז שטיל־באַזאַכט;
אין מיין מידער נשמה פאַרבאָרגן זאָל פליסן
די הילוכיקע שטילקייט פון בלייבן פאַרנאַכט...

כ׳וויל פון קיין זאַך נישט טראַכטן, פון קיין זאַך נישט קלערן,
נישט פון דעם, וואָס אוועק, נישט פון דעם, וואָס וועט זיין...
לאָזט מיך ליגן אין וואַלד—ווי אַ בוים וויל איך ווערן,
וואָס קלערט נישט און אָטעמט נאָר הימלישן שיין...

II

צווישן געלע בלעטער

ס׳ווינט מיך איין דער רויש פון געלע בלעטער
אין אַ טרויעריקן שלאָף.
ס׳חלומט זיך דער אומבאַדינגטער שפּעטער,
ס׳טרוימט זיך נאָר דער טריבער סוף...

צווישן איבער מיר זיך שאָקלען, ווינן;
ס׳דוכט מיר אוים שוין, אַז איך ליג
אין אַ גרוב... אַ בוימל ברומט אַ ניגון
איבערן שמאָלן קבר־וויג — — —

III

איך פאל צו די סאסנעס

איך פאל צו די פיס פון די סאסנעס אין וואלד:
— פארהילט מיך מיט אייערע צווייגן! —
עס קרייזלען זיך קראען. ס'טריפט רעגן. טריב־קאלט...
אָ, סאסנעס! ווי איר וויל איך שווייגן...

אך שטענדיק טראגט איר דאך דעם זומער אין הארץ,
די גרינקייט אין הארבסט און אין שנייען —
ווען ס'ליגן שוין בלעטער פארוועלקטע און שווארץ
און ס'יאגן זיך ווינטן, פארווייען...

לעם אייך וויל איך ליגן, לעם אייך וויל איך שווייגן,
ווען ס'שפרייטן זיך הארבסט־טריבע פארבן...—
באשיצט מיך מיט אייערע גרינענדע צווייגן,
מיין זוניקער טרוים זאל נישט שטארבן...

IV

מיטן לעצטן דופט

כ'וויל מיטן לעצטן דופט פון וואלד פארשכורט ווערן,
איך וויל זיך אנטרינקען מיט לעצטן זונען־שיין,
כדי, ווען שפעטער פאלן וועלן הימלס־טרערן,
זאל איך נישט פילן דאמאלס יענעם שווארצן פיין...

כדי, ווען ס'וועלן וואלגערן זיך קופקעס וויסטע בלעטער
און פעלדער וועלן ליגן, נאקעט־הויל —
זאל איך נישט זען פון מיינע גאלדנע טעג דעם שפעטער,
נישט פילן יענעם שווארצן ניפט פון קבר־גרויל! — —

V

ר ע ג ן

רעגן, רעגן טאָג און נאַכט — עס גיסט און גיסט,
מעת־לעתן כמאַרנע ציען זיך אָן ברעג, —
ס'בלאָנדזשען די מחשבות טריב, און שוואַרץ, און וויסט
גלײַך ווי די כמאַרעס אויבן אָן אַ וועג.

לײַדיק ווי אַ שאַרבן קוקט די גאַנצע וועלט,
די ערד ליגט ווי אַ בר־מינן שאַ־שטום...
ס'וואַרפט דער ווינט דאָ־דאָרטן אויף דער ברוסט פון פעלד
אַ בלעטעלע אַ געלס, אַ טויטע בלום — —

VI

א י ן ש פ ע ט ן ה א ר ב ס ט

ס'גרינט שוין קאָרן ביטנלאַנג!
וואַסער שנײַ! וועלסט שיטן — שיט.
אונטער שנײַ און קראָען־קלאַנג
ווערט דאָס ל ע ב ן, וואַרעמט, גליט...

פאַלן ווײַסע אין דער לופט
שמעטערלינגען הער און הין...
עמעץ פונם האַרצן רופט:
„גרין, אויף ווידערזען, אַ גרין!" — —

❀

שטאָטישער האַרבסט

עס אָטעמט אַ גרויקייט אַריבער די דעכער
און טריפֿט אויפֿן האַרטן און קאַלטן אַספֿאַלט;
פֿון האַרט-גרויע ווענט קוקן קבֿורישע לעכער,
ווי חללים פֿון שאַרבנס, ווו טויט זיך באַהאַלט...

אַנטשטומט איז די גאַס. ס'גלאַנצן טרויעריק די שטיינער
פֿון טרערן, וואָס פֿאַלן פֿון אויבן אַראָפּ;
עס ווייזט זיך קיין שאָטן, עס ווייזט זיך נישט קיינער;
און בלעכענע דעכער נאָר קלאַפּט עס: טריפּ-טראָפּ...

עס ווייזט זיך נישט קיינער. גלייך צו אַ לוויה
אַוועק זיינען אַלע, סײַ יונג און סײַ אַלט;
ס'וועט יעדער פֿון אַלע אַבֿלים געטרייע,
שטיל קומענדיק, ציִנדן אַן אַבֿל-ליכט באַלד...

אויף אַלטע, שטילע וועגן

כ'גיי אום אויף היימיש-אַלטע שטילע וועגן
עבר...
ווי טריי געבליבן איז דאָ אַלץ דעם וואַנדער:
די ווערבעס בײַ די גראָזיק-פײַכטע ראָזן,
די בערג די זאַמדיקע מיט הויקנס הויכע,
דער ווינט-מיל אויפן שפּיץ פון גרינעם „באַרג-שלאָס",
דער רונדער סטאַוו בײַם זײַט, און שוים פון ליאַנקעס,
אַרום — אַזוי, גלײַך ווי אַן אויג באַברעמטעס,
און דערפּלעך איינדערווײַטנס ליגן פריידלעך,
די דעכלעך שטרויענע, זיי שיקן ברכות...

איך זעץ מיר אויף אַ גרויסן שטיין אַן אַלטן —
ער ליגט דאָ אויפן קרייץ-וועג שוין פון דורות.
איך קוק פון דאָ אַרום און אַלע זײַטן:
עס איז מײַן היים דיזעלבע אַלץ, דיזעלבע...
און, דוכט, דער אַלטער בלינדער בעטלער-נחער,
וואָס טאַפּט אַצינד בײַם וועג דאָ מיטן שטעקן
און וויל דערשלעפּן זיך צום ווײַסן קלויסטער —
ער איז דערזעלבער פון אַמאָל, אַמאָל נאָך...

עס איז איצט האַרבסט. אַ שטילער תשרי-אומעט
צעשפּרייט ליגט איבער אַלע בערגלעך, טאָלן;
נאָר ס'איז אַן אומעט אַזאַ נאָנטער, ליבער...
און פעלדער-פּוסט, די פרוכט פון שוויס — און שײַערס
דאָס שטעטל האָט געזאָגט שוין תפילת גשם
און איז שוין גרייט צו רעגנס און צו שנייען,
צו ווינטן וואָיענדע בײַנאַכט און קויטן — —

און ווײַטנס דאָרט — מצבות ווײַסע ווינקען:
דאָס צווייטע העלפט פון שטעטלס קרומע געסלעך...

עס ציט אהין... איך קריך דורך לאנקע-שטעגלעך.
און אט איז שוין דאס אלטע מתים-טויער...
פארשטומט און שטיל. א שארך פון געלע בלעטער.
זיי פאלן, פאלן לאנגזאם פון די בוימלעך
און לאזן זיך אראפ דא-דארט אויף קברים...
עס איז שוין דא אצינד נישט-לאנג נאך אלול,
פארשטומט און לופטן הענגען די „אל מלא'ס"...
וואס מ'אוטן קברים אפ א יאר א גאנצן.
עס רוט אויף אלע אוהלם איצט דער טרויער —
דער טרויער, וואס עס ציט זיך דורי-דורית!...

שורות!... שורות!...

ב'בלתב שטיין דא-דארט... איך לייען שטומע שטיינער...

א מיינע פריינט און שוים פון ערדן!
צי ווייסט איר, אז אט איבער אייך,
ביי אייער אייביקייט אצונד,
שטייט עמיצער און צער געקלעמט,
ווער ס'האט מיט אייך געטיילט זיין פרידן?...

— — — — — — — —

כ'בלתב שטיין דא-דארט. איך ווארף א הויפן גרעזלעך...

*

כ'גיי אום אויף היימיש-אלטע שטילע וועגן: —
ע ב ר...
ב זאלט אנגעהייבן איצטער אלץ פון אלף,
נאך פונם גאלד-געלאקטן קינד — —

*

קראָען

עס האָבן אַריבער דעם וואַלד זיך צעשריִען
די שליחים פֿון ווינטער: — קראַ! קראַ! —
צעזופּצט האָט דער וואַלד זיך און פֿײַנלעך געשווידערט
האָט איטלעכער ווים. —
— קראַ! קראַ! —
אַ בעריאָזקעלע ווײַסע מיט לאָקנדלעך געלע
האָט שטום זיך געטוליעט, געפּרעסט צו אַ סאָסנע,
גלײַך ס'וואָלט זיך געבעטן, מיט רחמים געבעטן:
„באַשיץ מיך, באַשיץ מיך,
כ'בין יונג נאָך, כ'בין שוואַך"...
און הויך פליִען כמאַרעס מיט נאַכט און די פּאָלעס,
מיט חשבונות פֿון קברים,
בראש פֿון די שליחים די שוואַרצע פֿון ווינטער:
— קראַ! קראַ!
די סאָזעווקע רונדע אין נעצן פֿון גראָזן,
באַשיצט און באַשירעמט פֿון אוראַלטע סאָסנעס
אין האַרץ פֿונם וואַלד —
זי האָט זיך צערונצלט פֿאַר שרעק.
אַ פֿינסטערער פּחד באַדעקט האָט איר שפּיגל,
איר מאָבוק־פֿאַרגליווערטן, גרינלעכן שפּיגל,
און ס'קנײַטשט זיך, און ס'שרומפּט זיך,
ווי ס'וואָלט זיך פֿאַרטויבן געוואָלט...
נאָר ס'טונקלען אַרוים פֿון דער סאָזעווקעס האַרצטויף:
די כמאַרעס, וואָס שוואַרץ ווי עגלות פֿון טויט;
די קראָען, וואָס פֿינסטער ווי קברשע נאַכט — —
— קראַ! קראַ!

*

פון טעג — נאָרוואָס פאַרגאַנגענע

*

אין נעכט אין שלאָפלאָזע...

אין נעכט אין שלאָפלאָזע,
ווען אין דער חשכות גליווערן די בליקן
און ס'האַלט דעם אָטעם איַן די וועלט
און טוט נישט, ווי אַ בר-מינן, קיין קרעכץ,
קיין שטילן זיפץ, —
דאַן, גלייך ווי עמיצער אַן פנים און אַן גוף,
שלעפט מיך אַוועק דורך טייכן און דורך בערג,
דורך דערפער און דורך שטעט,
דורך וועגן — אַלט-באַקאַנטע וועגן,
וואָס כ'האָב אַמאָל אויף זיי געשלעפּט
די שווערע משא פון די טעג — —

— — — — — — — — —

... חורבות! חורבות!...
און טירן, פענסטער אָפענע,
ווי קברים-סיילער פינסטערע —
ציגל, ציגל הפקרדיק...
צעשאָסע.ע, צעשטויסענע...
געווען אַמאָל אַן אויוון דאָ,
געאָטעמט ליבע וואַרעמקייט
און שלוה אין די ווינקעלעך,
מנוחה שטיל געשפּרייט...
ליגט אַ שטיקל גרינלעך מעש —
אַ מנורה-רער...
געווען אַמאָל אַ באָבע דאָ,
אין ערבֿ-שבת פריידיקע,
אין ערבֿ-יום-טובֿ האַרציקע

פלעגט זי בענטשן ליכט...
די אויגן פרומע, צנועהדיקע
פארמאכן פלעגט זי תמימותדיק
מיט הענט מיט אלטע, ביינדיקע
און מורמלען עפעס שטיל...
פלעגן פלעמלעך בשרע
זיך נייגן, נייגן בענטשנדיק
אין גוטן עונג-שבת — —
און דאָרטן — דאָרט —
פארזשאווערט קוקט אַ קראָן פון סאַמאָוואר,
וואָס פלעגט אין נעכט, אין לאַנגע ווינטער-נעכט
אַ פריילעך ניגון ברומען אויפן שטוב-טיש
און טרייבן תענוג אונם הארץ פון די בני-בית,
און נישט געהערט האָט זיך פון הינטער דאָרן
דאָס וואָיען פונם ווינט — — —
...קברים! קברים!...
...איך בלאָנדזשע צווישן לאַנגע-לאַנגע שורות —
אָ מײַנע פרײַנט! — —
פארנאַכטן ע"נטע און זײ'רע שטומע פענסטער
האָבן צוגעזען דעם שטילן-שטילן טויט,
געשפיגלט זיך אין גוססדיקע אויגן
און גליך ווי זיי פארשטאַרט געשטומט...
כ'געדענק:
מיט הימל דורכגעשפיזטע אויגן
מיט זונען דורכגעוועבטע,
מיט העלער פרייד, וואָס דאַרף נאָך קומען — — —
כ'געדענק:
אָרעמס ברייט צעשפרייטע,
ווי אָדלערס גרייט צו פליען,
מיט יונגער פעלזן-גבורה
צו האַלזן גרייט די וועלט — —
פאַל איך צו די בערגלעך,
אָרעם איך די שטיינער, —

[illegible]ושן זײַ מײַן שטערן מיט אַ קעלט
קין קברים-בײנער, שאַרבן-לעכער — —
שענק איך יעדן בערנעלע אַ טרער,
אַ שטיל עניוותדיקע גרעזל —
אַ ברעקל האַרץ — — —

...פעלדער! פעלדער!...

...א טריט און — טויט... אַ טריט און — טויט...
ס'האָט נישט דער פויער דאָ די ערד געאַקערט,
ס'האָט נישט דער פויער דאָ די ערד געזייט,
ס'איז נישט די פרוכט פון מענטשנס שווייס...
ליגן, ליגן די חללים,
ליגן טאָג און ליגן נאַכט;
בראָט אַ זון אַ ווילדע, אַ פאַרשייטע,
שפייט מיט גלוט און זייער הפקר-בלוט,
ברענט די אויסגעקערטע אויגן,
נאַגט-אויס דאָס לעצטע ביסל גלאַנץ אין [illegible]...
ליגט אַ וועלט, אַ וועלט אָן אויגן!
ליגט אַ וועלט מיט אַ צעלעכערט שאַרבן! — —
פליען פערד צעווילדעוועט-צעפלאַמטע —
פאַרלוירן שוין די רײַטער און געהויל...
פליען זיי פון ענטקייט משוגע,
טאַנצן איבער חללים אונטער זיך...
עפנט-אויף אַן אויג נאָך ערגעץ-וווּ אַ גוסס —
ס'בריט דאָס אייגענע, דאָס הייסע בלוט,
ס'נעלענער פון דער ווילד-צעקאָכטער ערד...
בליקט ער נאָלויק צו דעם קופער-הימל,
שיקט זיין לעצטן פלוך אין אַלע זײַטן,
זײַן לעצטע תפילה אין דער הויך:
— אַ שנעלע רו!
אַ רו פון ברודער-קבר! — — —
און נעכט און שלאַפלאָזע — —

*

צייט-פערזן

I

בלומען פון די ווייטע פעלדער

בלומען פון די ווייטע פעלדער!
בוימלעך פון די שטילע וועלדער!
ווייסט איר אייער שטאַם? —
ס'האָבן אייך גענערט נאָר פגרים,
אונטער אייך טיף — ברידער-קברים,
אייער זריעה — סם!...

בוימלעך פון די שטילע וועלדער!
בלומען פון די ווייטע פעלדער, —
פייכט פון רויטן ים!...
ווער עס וועט אייך צערטלעך פליקן
און מיט אייך זיך וועלן קוויקן —
זאָגט אים אייער שטאַם! — —

II

שטן, לאַך!...

שטן, לאַך! —
דיין נצחון אויף דער ערד,
טעמפּלען ליגן וויסט, צעשטערט;
טרעטסט אויף שאַרבנס דאָרט און דאָ —
כאַ-כאַ-כאַ און כאָ-כאָ-כאָ!...

שטן, לאַך! —
דיין ממשלה ברייט ביז גאָר,
ס'קניט פאַר דיר אַ גאַנצער דור!
ס'האָט געשלאָגן איצט דיין שעה —
כאַ-כאַ-כאַ און כאָ-כאָ-כאָ! — —

*

„פאָרויס!"...

(פון דער סעריע: „אויף די פעלדער פון [illegible]")

די רייען ווערן שיטערער, „פינגערן" פאַלן, פאַלן,
ווי די זאַנגען אויפן פעלד ביים שניטער.
און אין דער טויט־מוזיק פון קוילן און גראַנאַטן שטאָר־
זיפצן, וויינען און דער לעצטער ציטער...

— „פאָרויס!" „פאָרויס!"... אַ הימלען! וועט דער פייערדיקער רעגן
מיידן מיין פאַרקלעמטע ברוסט, מיין שאַרבן?
אַ מאַמע־ערד, באַשיץ מיך! ברענג אַנטקעגן דיינע גריבער!
איז עס שוין אַצינד די שעה פון שטאַרבן? — —

— „פאָרויס! פאָרויס!"... עס בליצן אוינן ווילדן שרעק, שנעון.
„לעבן" — פלאַטערט איין געבעט אין זינען...

— — — — — — — — — — —

איך פאַל: איין „ס־ס־סיקי!" — און בלוט. לעם מיר — אַ וויפיל טויטע
שכנים! — —

וועט דו אין מיך אויך שוין טויט געפינען? — — — —

*

קעניג הונגער

פון דײַנע שאַרבן-לעבער װינקט רױנען-טרױער,
דעם קבר-חלל װײַזט דײַן קנאָכנדיקער מױל;
פֿאַר דיר איז אָפֿן יעדע טיר און יעדעם טױער
און טראָגסט פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט דײַן גורל...

און װוּ דו קומסט צוגײן, װערסטו דער שר, דער קעניג,
עס בוײגן אַלט און יונג זיך פֿאַר דײַן שלעכט באַנער;
און בלאַסע קינדער שטרעקן הענטלעך אונטערטעניק
און שטאַרבן שטילערהײט, פֿאַרשרפֿהט, אָן אַ טרער...

עס ליגט די „מאַמע-ערד" פֿאַרחלשט-טױט, צעבראָכן
און קלײַבט די הפקר-פּגרים און איר האַרטן שױס...
און דו, אַ שװאַרצער מלאך, פֿײַערסט דײַן נצחון
און לאַכסט פון אױגן אױסגעװײנטע פּוסטע אַרױס — —

❀

די ערד

עס איז די ערד אַ גוטע דאַך,
אַ מאַמעדיקע-גוטיג. —
וואָס איז זי שולדיק דען, די ערד,
וואָס מיר באַפלעקן זי מיט בלוט —
מיט הבלם בלוט...
ווער צעאַקערט זי אין קברים און בית-עולמס,
אויב ניט מיר! —
גיט זי, די ערד, שטילט-איין איר דורשט מיט בלוט —
נאָר מיר! --
זי האָט אַ .ייִן איר זאַפט נענוג
פֿאַר פרילינגס עד אין סוף...
עס קלעקן איר די וואַסערן אין טראַכט,
דער רעגן פֿאַר איר פלאַך
צום שפּראָצן און געבוירן... —
זי דאַרף ניִשט אונזער בלוט!
ווער האָט איר אָרץ פאַרהאַרטעוועט צו שטאָל,
דעם שטאָל צו שווערד —
מיר!
מיר, וואָס טרעטן אויף איר שוים,
האַקן אירע וועלדער
שניידן אירע בערגער — —
עס איז די ערד אַ גוטע דאַך,
אַ מאַמע פול מיט ברכה,
מיט ברויט און וויין,
מיט בוימאייל און מיט וואָל,
מיט מילך און האָניק...
נאָר מיר — די בני בליעל — —
וואָס איז זי שולדיק דען, די ערד?...

אַהיימוועגס

(ליטווישע מאָטיוון)

אַ פּויעריש װעגל. אַ ביסעלע שטרוי.
אַ מ גערעם פֿערדל געשפּאַנט.
אַ זומער־פרימאָרגן. אין פֿעלד ליגט נאָך טוי.
די בערגלעך, די וועלדלעך — באַקאַנט.

ס'איז זאַמדיק דער וועג און דער וואָגן קרעכצט־צו,
דאָס פּויערל ברומט אַלײן: „וויאָ! וויאָ!...
„אַ באַטע אַ הוילע.. קײן הזיר... קײן קו...
„אויך האָבער איז, בּאַרין, נישטאָ" — —

אַ דערפֿל — מער חורבות... נאָך שוואַרצט זיך דער קויל„
„עס איז דאָ מלחמה געוועזן...
„מען האָט זיך דאָ, באַרין, געשאָכטן — אַ גרויל!
„דו וועסט נאָך דאָ קבֿרים באַלד זען" — —

אַ פּאַרקאַן פֿון העלצלעך סימעטריש געשניצט,
פֿיל בערגלעך פֿאַרגלײַכט — ריי נאָך ריי.
די צלמים מיט גאָטישע אותיות געקריצט,
דער פּויער ווײַזט: — דאָ ליגן „זײ"...

„וויאָ! וויאָ"!... קריכט דאָס פֿערדל פּאַמעליך און שווער.
אַ קרעטשמע באַווײַזט זיך בײַם וועג:
די פֿענצטער פֿאַרשלאָגן מיט ברעטער — ס'איז ליידיק,
דער קרעטשמער איז ערגעץ אַוועק...

„צי האָסטו, זאָג, בּאַרין, זײַן טאַטער געקענט?
„געוועזן איז זי שוין הי די זון.

„עס האָבן זיִ חיות פאַרפּײניקט, געשענדט..
„אין שלאַכט איִז געפאַלן זײן זון" — —

— — — — — — — —

„וויאָ"! „וויאָ"!... קריכט דאָס פערדל. אַ בערגל. אַ בריק.
עס מורמלט דער טעלעגראַף-דראָט...
שוין ווײַסט זיך דער קלויסטער...—מײן הײם! כ'קער צוריק
צו דיר, צו דײן שטילקײט — פון שטאָט.

דער בארג-שלאָס... דער ווינט-מיל... און „גוייִשע נאָם"...
אַ גויע טראָגט עמערס צווײ פול. —
אַט ייִדישע פּנימער: גלותדיק, בלאָס...
פונזײטנס קוקט טרויריק די שול...

— „אַ, שלום-עליכם! — באַפּט-אָן אַ ידיד —
„וואָס הערט מען אין שטעט, אין דער וועלט?
„מען שמועסט, דער דײטש... ר'גרײט אַ פרישן „יריד" —
„פאַראַן נאָך „אָקאָפּעס" און פעלד— — —

מיט די בליקן צום מאָרגן

*

ווייטער אָפּשיין

ווײַטער אָפּשײַן פֿון באַנינעו.
ראַנגלט העלקייט זיך מיט שוואַרץ,
שענסטער חלום נעמט זיך שפּינען
אינם אויסגעבענקטן האַרץ...

שרפֿים פֿלאַמיקע דערשײַנען —
טראָגן־נאָך דער זונם גירליאַנד — —
ווערן אײַנגעוויגט די פּײַנען,
שטרעקסטו אויס דײַן מידע האַנט...

פֿאַרבן ראָז זיך ברייטע וועגן,
ראַנגלט גלוטיקייט מיט שוואַרץ — —
שפּרייטסטו אָרעמס זון אנטקעגן,
עפֿנט זיך דײַן ברויזנד האַרץ — —

ווערסטו שכּור פֿון די שטראַלן,
טראָגסט פֿון מענטש צו מענטש דײַן פֿרייד...
הענט צו הענט — אַ קייט — אַ שאַלן — —
וואַרט מען זונגענדיקערהייט — — — —

*

אין ווייטן עתיד

I

פֿאַרהאַנג

פֿאַרהאַנג פֿינסטערער פֿון גרויער צײַט,
אָ דעק זיך אָפּ אַ האָר!
וואַרף איין פונק כאָטש צו צו מיר פֿון ווײַט
איין בלאַנק — און גאָר!
כ'וועל שוין חלומען פֿון ווײַטן גליק,
כאָטש ניט, כאָטש ניט פֿאַר מיר — —
ס'וועט דערזען דאָך סוף־כּל־סוף מײַן בליק
דעם טויט און טיר — —
דאָך — — פֿאַרהאַנג פֿינסטערער פֿון גרויער צײַט —
אײַן בלענד! – —

II

אַ פֿאַרלאַנג

איך ווײַס, עס וועלן קיינמאָל מײַנע אויגן
נישט זען דעם עתיד־שײַן, דער וועלטס געציר.
עס וועלן ווערים פרעסן קערפּערס, זויגן
זאָגאַר פֿון דורות שפּעטערע, נאָך מיר.

דאָך וואָלט איך אונם ווײַטן עתיד וועלן
פֿון בלינדן קבר אויפשטיין, טאָן אַ בליק,
אײן בליק כאָטש טאָן דאַן אויפן שײַן דעם העלן,
און דאַן – פֿאַרגיין און אײַנבוקײַט צוריק!...

*

דורות

אָ דורות קינפטיקע, אָ ווײַטע דורות!
וועט איר אין אײַערע טעמפּלען שטילע
נאָך אונז, נאָך אונז ווען צינדן יזכור־ליכטער
און אָפּריכטן אַ יאָרצײַט־תּפֿילה?...

מיר האָבן דאָך מיט אונזערע וואַרעמע גופֿים
פֿאַר אײַך, פֿאַר אײַך געמיסטיקט בײַטן...
און איר... אָ ווײַטע שפּעטערדיקע דורות,
איר זײַט געקומען שוין צום גרייטן...

היט־אָפּ זשע היילִיק אונזערע מאוזאָליייען,
קריצט־אויס אויף לוחות אונזערע ווערטער;
אין ווײַטע יאָרצײַטן נאָך אונזערע שחיטות
פֿאַרזאַמלט זיך אין תּפֿילה־ערטער.

און זאָלן דיכטער פֿונם טיפֿן עתיד
נאָך אונז אַ קדיש דאַן פֿאַרפֿאַסן...
און שוואַרץ העַנגט־אויס אין אײַערע שלוה־הײַזער,
און שוואַרץ — אין אײַערע מנוחה־גאַסן...

*

לידער פֿון האַס

I

אַ געשרײ

און װען די שלאַנג װעט טאָן אין האַרץ דעם טיפֿסטן ביס,
די אײנזאַמקײט װעט אָנגרײַפֿן די טיפֿסטע װוּנד,
דער צער װעט אױסזױגן דעם לעצטן טראָפּן בלוט, —
אָ דאַן! כ'װע, אפֿשר װי אַ לײב זיך טאָן אַ ריס,
און װי אַ װילדער ים, װאָס האָט קײן גרונט,
װעל איך אַ ברום-טאָן טון מיט אַ געװיטער-װינט!
און — רױקע! אָן אומרו װעט אײַך מיטאַמאָל פֿאַרצערן!
און — פֿרײלעכע! פֿאַרציטערט װעט איר פּלוצלונג װערן!
איר װעט פֿאַרגלײװערן אין מיטן טאַנץ!
איר װעט פֿאַרגלײװערן אין מיטן טאַנץ!...

II

דער לעצטער פֿונק

דער לעצטער פֿונק װעט זיך צעגליִען אין אַ פֿלאַם
און װעט פֿאַרברענען אַלץ, װאָס אַלט און פֿױל;
די לעצטע טרער װעט זיך צעגיסן אין אַ ים
און װעט אַראָפּשװענקען דאָס בײז און גרױל.

דער לעצטער קרעכץ װעט זיך פֿאַרװאַנדלען אין אַ בריל,
אַ בריל אַ מעכטיקן פֿון אַ געפּײַניקט גאָט.
און אַלץ װעט װערן װיסט, פֿאַרגלײװערט, טױט און שטיל —
פֿון װעלט-סיני װעט דונערן אַן אַנדערער געבאָט! — — —

*

קום-מיט!

קום-מיט, מיין פריינט! און זאָג א „זיי געזונט"
די גרויע ווענט. —
פאַראַן א וועלט אן אַנדערע, וואָס בונט,
וואָס בשופע, בלענדט.

פאַראַן א הימל נאָך, וואָס נישט צעפּליקט
אין פיר-עקס פיל;
ווו האַרץ-חלומות ווערן נישט דערשטיקט
אין לעבנס-שפּיל...

ווו לידער שטאַרבן נישט אין דיכטערס זעל
פון שווערן בלוי...
ווו עכאָס קומען-אָן נאָך יעדן טרער
אין גרינעם פרוי...

ווי טריב עס איז די שטאָט, ווי האַרט, ווי גרוי
און שלעכט-פאַרשייט:
מסתם איז שלעכט געוועזן די וועלט אזוי
פאַר-מבול-צייט — —

קום-מיט, מיין פריינט, פון אלטן שטויב און רויך
אין פרילינגס-פעלד:
עס וועט אונז גלעטן דאָרט א פרישער הויך
פון צ ו ק ו נ פ ט - וועלט — —

אינהאַלט:

אונטער שטאָטישע שלייערן:

זייט:
שטאָט-קאָשמאַר 3
טיק-טאַק 7
גרויע נעפּלען 8
נאָך חצות 9
אין השמשות 10
כ'וועל גיין מיין וועג 11
אַ נאַכט 12
מיינע סעקונדן 14
נר תמיד 16
איך ווייס 17
אַ צווייגל 19
אין אַ נאַכטיקן זאַל 21
אין שטאָטישן הפקר 23
כ'וויל אַנטלויפן 24

פרילינג אין שטאָט:

שטיי! 25
נעץ 27
אין שטאָטישן פּאַרק 28
טאָג צו ד' אמות 29
ביים ברעג 30

אין פרילינג און חאַנדער:

ס'איז שוין יעדער וועג 31
דער ווינטלעכער פרילינג 32
גרינע בוימער 33
וואַסערפאַל 34
דאָס ליד פון פרייד 35
מיט ריינע פרילינגס, וועלט... 36
אין די טאָמרעס 37
ים-געזאַנגען 41

צו דער און צו יענער:

זייט:
נישט פרעג! 46
זאָל זיך דיר דוכטן 47
לעבנסבוך 48
מיין פּרעלודיע 49
שפּילעריי 50
מאמע, קינד און גאַס־פּרוי 51
עלעגיע 52
צו אַ יונגער זעלבסטמערדערין 53
ביים בערגעלע 54

אונטער פאַלנדיקע בלעטער:

אין בלעטער-פאַל 55
אין וואַלד 56
אַ האַרבסט־טאָג 58
אין שויס פון האַרבסט 59
שטאָטישער האַרבסט 62
אויף אַלטע, שטילע וועגן 63
קראָען 65

פון טעג—נאָר וואָס פאַרגאַנגענע:

אין נעכט אין שלאָפלאָזע... 66
צייט־פּערזן 69
„פּאָרויס" 70
קעניג הונגער 71
די ערד 72
אהיימוועגס 73

מיט די בליקן צום מאָרגן:

ווייטער אָפּשיין 75
אין ווייטן עתיד 76
דורות 77
לידער פון האַס 78
קום-מיט, מיין פריינט! 79